אזוי אויך אין אר"י הק' זעט מען (שער רוח הקודש יג.), אז 'כעס' שאפט דעם גרעסטן פגם, ווייל ווען ער איז מסדר דעם צאל תעניתים וויפיל מען דארף פאסטן פאר יעדע עבירה און מדה רעה - גיבט ער די מערסטע תעניתים אויף 'כעס'! ער הייסט פאסטן הונדערט-איין-און-פופציג תעניתים (ווי עס באטרעפט 'כעס' מיטן כולל), וואס דאס איז מער ווי אלע אנדערע תעניתים אויף גאוה און אנדערע מדות רעות. **ווייל על פי פנימיות שאפט כעס א שרעקליכן פגם אינעם מענטש, מער ווי אלע אנדערע מדות רעות.**

### די ערשטע אויף דער ליסטע

רבי פנחס קאריצער זי"ע זאגט (אמרי פנחס אות תקי"ג): אז עס איז זיכער אז דער רמב"ם האט געקענט פנימיות התורה, ווייל דער רמב"ם זאגט אין הלכות תשובה (פ"ז ה"ג): "אל תאמר שאין תשובה אלא מעבירות שיש בהן מעשה כגון זנות וגזל וגניבה אלא כשם שצריך אדם לשוב מאלו כך הוא צריך לחפש בדעות רעות שיש לו ולשוב מן הכעס ומן האיבה ומן הקנאה..." - א מענטש דארף תשובה טון אויך אויף מדות רעות, און פון דעם וואס דער רמב"ם האט מקדים געווען כעס בעפאר אלע מדות, איז א ראיה אז דער רמב"ם האט געלערנט פנימיות התורה! ווייל לויט פנימיות התורה איז טאקע כעס - די ערגסטע מדה רעה.

### ער דערלייגט אלע זיינע הארוואניעס פון א גאנץ לעבן

לויט די פשטות הפסוקים מיינט דער פסוק 'טורף נפשו באפו', אז בשעת א מענטש איז אין כעס, שעדיגט ער זיך אליינס בגשמיות (ווי מען האט מסביר געווען באריכות אינעם פריערדיגן גליון). אבער לויטן אויבנדערמאנטן זוהר מיינט דאס, אז דער מענטש שעדיגט זיך ברוחניות! ער דערלייגט זיין נשמה! און דער אר"י הקדוש (שם ח:) איז עס מער מסביר, אז אן ערליכער איד וואס פירט זיך אויף ווי עס דארף צו זיין און ארבעט זיך אויס - איז ער זוכה צו 'נפש'. שפעטער נאכן ארבעטן נאך אסאך אין עבודת ה' - איז ער זוכה צו 'רוח'. און נאך שפעטער - איז ער זוכה צו 'נשמה'. זאגט דער זוהר הקדוש: עס קען זיין **א מענטש וועלכער האט זיך אנגעהארעוועט א גאנץ לעבן אין עבודת ה', ביז ער האט שוין זוכה געווען צו 'נפש רוח ונשמה', און מיט איין כעס פארלירט ער די גאנצע זאך!** עס איז א פחד פון א זוהר הקדוש.

### זיין נשמה גייט ארויף אין הימל און ווארט אים אפ עד עת בואו

מען וועט אביסל מסביר זיין, וואס דאס מיינט אז מיט איין כעס האט ער פארלוירן זיין נשמה. בפשטות מיינט עס נישט צו זאגן, אז אלע עבודות וואס ער האט אריינגעלייגט ביז היינט - איז אלעס געווען לריק, און כאילו אלע זיינע מדרגות זענען געגאנגען לטמיון חס ושלום. נאר עס מיינט, אז זיין מדרגה פון 'נשמה' גייט ארויף אין הימל! דער רבונו של עולם גיבט אים נישט יעצט די דאזיגע הארה, נאר ער האלט דאס פאר אים פאר א 'פקדון'! און ווען ער וועט ארויפקומען אין הימל לאחר הסתלקותו - וועט ער זיך צוריק פאראייניגן מיט זיין נשמה און זוכה זיין צו די אלע מדרגות און אורות וואס א נשמה האט צו זיך. אבער יעצט אויף דערווייל - ווילאנג ער איז נאך דא אויף דער וועלט - האט ער עס נישט! אויף יעצט האט ער פארלוירן אלע זיינע מדרגות און השגות!

### אלע ליכטיגקייטן לעשן זיך אויס און ער ווערט פארטרוקנט

צו פארלירן די נשמה אויף דער וועלט, איז בכלל נישט קיין קליינער הפסד. קודם כל איז עס א שרעקליכער הפסד 'לפי שעה', ווייל **א מענטש וועלכער האט א נשמה, האלט ביי א הויכע מדרגה אין רוחניות - וואס מען קען זיך נישט פארשטעלן! ער איז ממש אן אנדערער מענטש! ער האט אזעלכע אורות, אז ער זעט ממש פאר זיך אן אנדערע וועלט!** און דאס ברענגט אים צו א געוואלדיגע הצלחה אין עבודת ה', ווייל ער שפירט א געוואלדיגע עמקות

### נקודות:

דער זוהר הק' זאגט: "טאמער א מענטש ווערט אין כעס, פארלירט ער זיין נשמה און ער מאכט רוען אויף זיך אן 'אל זר'! ער ווערט טמא! ער איז א מורד אינעם רבונו של עולם! ער ווערט פאררעכנט ווי א שטיק עבודה זרה! מען טאר זיך נישט חבר'ן מיט אים און ניטאמאל קוקן אויף זיין פנים!".

**נקודות:**

פון די אלע פסוקים קומט ארויס א שטיקל בילד פון דוד המלך, אז ער איז ווי א קליין קינד צום רבונו של עולם, וועלכער קען זיך נישט אפרייסן קיין איין רגע פונעם רבונו של עולם! אָן דעם רבונו של עולם, איז ער פשוט א פארלוירענע שעפעלע! ער לעבט מיט א געוואלדיגע מדה פון 'שפלות', 'אמונה' און 'בטחון' – וואס ער ווייסט אז ער פאר זיך קען גארנישט, דעריבער דאווענט ער אלעמאל צום רבונו של עולם מיט פארוויינטע אויגן און א צוגאסן הארץ, און דערנאך פארלאזט ער זיך אז דער איבערשטער וועט אים זיכער העלפן, און ער ווארפט זיך ארויף אויפן רבונו של עולם ווי א קינד אויף דער מאמע'ס שויס

און דערהויבנקייט אינעם לערנען און דאווענען. און נאכן פארלירן די נשמה - פארלירט ער דאס אלעס, ער פאלט אראפ מאיגרא רמא לבירא עמיקתא.

**ער דערלייגט אלץ וואס ער וואלט געקענט פארדינען דורכן האבן א נשמה**

אויסער דעם הפסד לפי שעה וואס מען דערלייגט דורך כעס - איז עס נאך אסאך א גרעסערן הפסד - אויף א צורה פון 'מניעת הריוח' - וואס מען דערלייגט אויף 'נצח נצחים'. ווייל **די וועלט איז דאך א וועלט פון 'היום לעשותם', מען קען דא כסדר מרויח זיין אויף אייביג. און א מענטש וועלכער דריידט זיך ארום אויף דער וועלט מיט א נשמה - וואס דאס גיבט אים דאך אזא געוואלדיגע ליכטיגקייט - קען דאך אודאי פארדינען דורכדעם אסאך מער! מיט זיינע השגות - קען ער דאך ממש אויפטון וועלטן!** א מענטש וועלכער האט א נשמה, האט דאך זיין גאנצע עבודה אן אנדערן ערך! דער שכר וואס ער וועט זוכה זיין דורך יעדע מצוה וואס ער טוט - איז דאך ווערד אסאך מער לאין ערוך, פון א מענטש וועלכער האט געטון די זעלבע זאך - אבער אָן א נשמה!

**השבת נועם הנשמות: אן 'איש נשמה' שפירט אן אנדערן טעם אין שבת**

לדוגמא: **ביי א מענטש וועלכער האט א נשמה, איז 'שבת' נישט סתם א מצוה פון נישט טון קיין מלאכה, נאר עס איז א טאג וועלכער שיינט און לייכט מיט א געוואלדיגן אור פון קדושת נועם שבת! און דערנאך איז זיין גאנצע וואך דערהויבן, און דער גאנצער מענטש ווערט כסדר מער און מער באלאכטן!** אזא מענטש איז כסדר קונה נאך און נאך! דעריבער, איז דאס וואס ער פארלירט זיין נשמה אויף ביז דערווייל - גאר א גרויסער שאדן פארן מענטש! ווייל דורכדעם האט ער פארלוירן די אלע עבודות - וואס ער וואלט געקענט טון מיט דער נשמה! ער וואלט דאך געקענט קונה זיין נאך און נאך, און ער האט אלעס פארלוירן צוליב זיין כעס; 'טורף נפשו באפו'.

**א גענעראל וועלכער טוט אן עולה אין דער מלחמה - ווערט 'אויס גענעראל'**

צו פארשטיין דעם ענין, פארוואס מען פארלירט די נשמה דורך כעס - וועט מען געבן א משל: אין א מיליטער זענען פארהאן פארשידענע שטאפלען און מונדירן, עס זענען פארהאן פשוט'ע סאלדאטן, העכער זיי זענען פארהאן קאמאנדירן, העכער זיי זענען פארהאן מארשאלן און נאך העכער זענען פארהאן גענעראלן. געווענליך ווען א פשוט'ער סאלדאט וועט זיך פארזינדיגן מיט עפעס א חטא - וואס ער האט נישט אויסגעפאלגט פונקטליך וואס מען האט אים געהייסן - וועט מען אים דערלאנגען א פאר געזונטע קלעפ. טאמער א קאמאנדיר וועט זיך פארזינדיגן - וועט מען אים שוין קנס'ען מיט א גרעסערן קנס, אז מען וועט אים איינזעצן אין טורמע אויף א פאר יאר. אבער טאמער דער גענעראל וועט זיך פארזינדיגן מיט א חטא - ווי למשל, ער האט נישט געהאלטן געגנוג אין געהיים די פלענער פון דער מלחמה, אדער ער האט נישט געפירט די מלחמה לויט ווי דער מלך האט אים געהייסן - וועט מען זיך נישט בלויז באגענוגענען מיט א פאר קלעפ אדער מיט א הארבן עונש, נאר מען וועט אים פשוט אפזאגן פון זיין אמט און מאכן 'אויס גענעראל'! און מען וועט אים קיינמאל מער נישט צוריקגעבן דעם אמט! ווייל א גענעראל טאר נישט טון אזא חטא, און טאמער דו האסט דאס געקענט טון - ביסטו נישט פאסיג צו זיין א גענעראל! א גענעראל דארף זיין א מענטש וועלכער טראגט א געוואלדיגן אחריות אויף זיך און עס טאר נישט געשען קיין טעותים, און טאמער איז עס יא געשען - איז א סימן אז ער טויג נישט דערצו!

**אן 'איש פנימי' מוז זיין אן 'איש סוד'**

דער נמשל איז: א מענטש וועלכער האט זוכה געווען צו א מדרגה פון א נשמה - איז א הויכער מענטש! ער ווייסט און שפירט זאכן - וואס א געווענליכער מענטש ווייסט נישט און טאר נישט וויסן! די זאכן דארפן בלייבן בסוד צווישן אים מיטן רבונו של עולם! אזא סארט מענטש מוז זיין א בעל אחריות, צו האבן אין זיך אן ערנסטקייט פון האלטן זיינע מדרגות בסוד און בכבוד. אבער טאמער שטעלט זיך ארויס אז ער איז נישט קיין 'בעל אחריות', ער איז 'מגלה סוד' - דעמאלט וועט ער ווערן אויס 'בעל השגה'! ווייל עס איז א סימן אז ער באלאנגט נישט דארט! עס איז א סימן אז מען קען אים נישט געטרויען! דעריבער וועט מען אים צונעמען אלע זיינע מדרגות.

**כעס מיינט, ער פארלירט קאנטראל אויף זיינע סודות**

בשעת א מענטש ווערט צוהיצט און אין כעס - פארלירט ער אינגאנצן קאנטראל אויף זיך! אין אנדערע ווערטער: **עס צופאלן אלע זיינע מחיצות! דער מענטש האט נישט יעצט קיין שום גרעניצן - וואס יא צו זאגן און וואס נישט צו זאגן. נו אויב אזוי, קען מען אים נישט געטרויען מיט גארנישט!** דעריבער מאכט מען אים 'אויס'! מען נעמט אים צו די נשמה - וואס דאס באדייט א געוואלדיגע ליכטיגקייט פון סודות און השגות - און ער ווערט א פשוט'ער מענטש מיט פשוט'ע השגות.

ב.

# ולא נסוג ממך: דוד המלך האלט זיך צוריק פון כעס - כדי נישט צו פארלירן א משהו דבקות

**מדה טובה מרובה: דורך 'כבישת הכעס' איז מען זוכה צו הויכע מדרגות**

פונקט ווי דער עונש אויף כעס איז, אז מען מאכט דעם מענטש 'אויס בעל השגה', מען נעמט אים צו זיין נשמה און אלע זיינע ליכטיגקייטן - איז **מדה טובה מרובה! ווען א מענטש האט א נסיון פון כעס, און ער האלט זיך צוריק פון ווערן אין כעס - איז ער דעמאלט דוקא זוכה אנצוקומען צו זיין מדרגה, אויף אן אופן וואס ער וואלט ווען קיינמאל נישט אנגעקומען!** ווי מען זעט ביי דוד המלך, אז דוקא אין דער צייט וואס שמעי בן גרא האט אים געשאלטן און פארשעמט, און אנשטאט צו נעמען נקמה אין אים - האט ער געשלינגען זיין בושה און נישט געווארן אין כעס; ווי עס שטייט אין פסוק (שמואל-ב טז, י): "ה' אָמַר לוֹ קַלֵּל" - דער אויבערשטער האט אים געהייסן שעלטן! איך בין שולדיג, און ער איז גארנישט שולדיג!" - דוקא דעמאלט האט דוד זוכה געווען צו ווערן דער 'רגל רביעי שבמרכבה' פונקט ווי די דריי אבות הקדושים (מובא בספה"ק בשם חז"ל). מען וועט ארייינגיין אביסל טיפער דערין, צו פארשטיין וויאזוי מען לערנט אפ דעם ענין פון 'מרכבה', דער ענין פון 'דוד המלך', און וואס דאס האט מיט אונז.

**דוד המלך איז דער 'רגל רביעי' פון דער מרכבה**

דער מדרש זאגט (ב"ר מז, ו): "האבות הן הן המרכבה" - די דריי אבות זענען א 'מרכבה', ווי די פיסלעך פונעם שטול אויף וואס דער אויבערשטער זיצט כביכול. דאס מיינט, אז דער רבונו של עולם האט גערוהט אויף זיי, פונקט ווי אין בית המקדש! זיי האבן געהאט אזא מדרגה פון השראת השכינה, דבקות הבורא און קרבת אלקים - אז זיי זענען ממש געווען אויף א מדרגה פון א בית המקדש! קומט דער פסוק און זאגט אויף דוד המלך (דב"ה-א יז, ח): "וְעָשִׂיתִי לְךָ שֵׁם כְּשֵׁם הַגְּדוֹלִים אֲשֶׁר בָּאָרֶץ" - אין זכות וואס דו ביסט נישט געווארן אין כעס אויף שמעי בן גרא, וועל איך דיר מאכן ווי די 'גדולים אשר בארץ', דאס מיינט, אז דו וועסט אויך זיין ווי די אבות הקדושים! פונקט ווי מען זאגט 'מגן אברהם' - וועט מען אויך זאגן 'מגן דוד'! דו וועסט זיין ווי דער פערטער פיסל פונעם כסא המרכבה!

**דוד האט נישט געהאט די דרגא פון 'דבקות' וואס די אבות האבן געהאט**

אויבנאויף וואלט מען געקענט זאגן פשט אינעם 'ועשיתי לך שם כשם הגדולים', אז דו וועסט אויך האבן אזא מדרגה פון דבקות הבורא ווי די אבות! דו וועסט האבן אזא מדרגה פון השראת השכינה - ביז דו וועסט אויך ווערן א מרכבה פארן רבונו של עולם! אבער פון צווייטן זייט זאגט די גמרא (ברכות טז:): "אין קורין אבות אלא לשלשה" - מען רופט נישט קיינעם מיטן טיטל 'אבות' נאר די דריי אבות. און ווי די גמרא איז דארט מסביר דעם טעם: "עד הכא חשיבי טפי לא חשיבי" - דעם ספעציעלן חשיבות פון 'אבות' האבן בלויז די דריי געהאט, און קיינער נאך זיי האט שוין נישט דער מדרגה. קומט אויס, אז למעשה איז דוד המלך נישט געווען אין דער מדרגה פון דבקות און קרבת אלקים ווי די אבות, נו, דארף מען פארשטיין, וואס מיינט דאס אז ער איז געווען פון די פיר 'רגלי המרכבה'?! מיט וואספארא ענין ווערט ער אויך פאררעכנט צווישן די 'אבות' - כאטש ער איז נישט אין זייער מדרגה?!

**די מדרגה פון 'אבות' - די גרעסטע מדרגה וואס איז נאר שייך**

דער פסוק רופט אָן די אבות 'שם הגדולים', די אבות זענען געווען 'גדולים' - 'גרויסע מענטשן'. דאס ווייזט, אויף גאר א הויכע מדרגה! די מדרגות וואס די אבות האבן געהאט - איז נישט שייך צו זאגן! זיי זענען געווען שטענדיג אין א דרגא פונעם כהן גדול אין 'קדש קדשים'! א געוואלדיגע מדרגה פון גדלות. און אויף דעם ענין איז געזאגט געווארן: "אין קורין אבות אלא לשלשה" - קיינער איז נישט אנגעקומען צו די הויכע 'מדרגות' וואס די אבות האבן געהאט! אפילו דוד המלך - וועלכער איז מיט געוויסע זאכן ענליך צו די אבות, און אין געוויסע בחינות איז ער נאך אפילו גרעסער ווי די אבות; ווי מען זעט אז לעתיד לבוא וועט ער זיין 'משיח', וועלכער וועט זיין נאך גרעסער ווי די אבות - האט נישט געהאט די געוואלדיגע הויכע מדרגות און השגות וואס די אבות האבן געהאט! בלויז די 'שלשה' ווערן אנגערופן 'אבות'.

**די מדרגה פון דוד איז א 'הארץ' צום רבוש"ע**

די נקודה פון דוד המלך איז נישט מדרגות און 'מוחין' - נאר 'הארץ'. **דוד המלך האט אין זיך א מדה פון 'כגמול עלי אמו' - א פארלוירנקייט צום אויבערשטן.** פון די אלע טיטלען וואס דוד המלך זאגט אויף זיך - דורכאויס דעם גאנצן ספר תהלים, זעט מען אביסל דעם מהות פון דוד המלך; ווי לדוגמא: "וַאֲנִי תְפִלָּה" (תהלים קט, ד) - איך בין א שטיק תפלה! "וְאָנֹכִי תוֹלַעַת" (שם כב, ז) - איך בין ווי א וואָרים וואס קען גארנישט! "וַאֲנִי עָנִי וְאֶבְיוֹן" (שם מ, יח) - איך בין א נעבעכדיגער שלעפער! "וַאֲנִי

תָּמִיד עִמָּךְ" (שם עג, כג) - איך בין שטענדיג מיט דיר! "וַאֲנִי אֶל ה' בָּטָחְתִּי" (שם לא, ז) - איך פארלאז זיך אויפן אויבערשטן! פון די אלע פסוקים קומט ארויס א שטיקל בילד פון דוד המלך, אז ער איז נישט רואיג קיין איין רגע אָן דעם רבונו של עולם! ער קען נישט זיין א סעקונדע אָן דעם רבונו של עולם! ער איז ווי א קליין קינד צום רבונו של עולם, וועלכער קען זיך נישט אפרייסן פון אים! **אָן דעם רבונו של עולם, איז ער פשוט א פארלוירענע שעפעלע! דערפאר איז ער טאקע אלעמאל מיטן רבונו של עולם!** ער לעבט מיט א געוואלדיגע מדה פון 'שפלות', 'אמונה' און 'בטחון' - וואס **ער ווייסט אז ער פאר זיך קען גארנישט, דעריבער דאווענט ער אלעמאל צום רבונו של עולם מיט פארוויינטע אויגן און א צוגאסן הארץ, און דערנאך פארלאזט ער זיך אז דער אויבערשטער וועט אים זיכער העלפן, און ער ווארפט זיך ארויף אויפן רבונו של עולם ווי א קינד אויף זיין מאמע.**

### דוד המלך'ס מדה באגלייט אים אויך אין נידריגע מדרגות

די מדה פון דוד המלך האט א געוואלדיגע מעלה, אז **דאס באגלייט אים שטענדיג - אפילו ווען ער איז נישט דוקא אויף א הויכע מדרגה! אפילו ווען ער גייט דורך גאר שווערע צייטן, ממש די ערגסטע צייטן אין זיין לעבן און ער איז אין א שרעקליכער 'קטנות המוחין' - פארלירט ער זיך אבער נישט!** ער ווייסט אז דער אויבערשטער וועט אים נישט פארלאזן! ער פאלט קיינמאל נישט אריין אין קיין יאוש, ווייל ער ווייסט אז דער אויבערשטער איז מיט אים! דאס איז די שירה פון גאנץ תהלים: "איך בין מיט דיר! און איך קען נישט זיין אָן דיר!". אפילו ווען דוד איז געווען אין די שווערסטע מצבים, דאך האט זיך דוד מחזק געווען מיטן אויבערשטן; ווי עס שטייט (שמואל-א ל, ז): "וַיִּתְחַזֵּק דָּוִד בַּה' אֱלֹקָיו" - דוד המלך איז זיך מחזק מיטן אויבערשטן! און סוף ימיו האט ער געזאגט (מלכים-א א, כט): "חַי ה' אֲשֶׁר פָּדָה אֶת נַפְשִׁי מִכָּל צָרָה" - דורכן לעבן שטענדיג מיטן אויבערשטן, בין איך ארויסגעקראכן פון אלע מיינע צרות! דאס איז א געוויסער סארט קשר מיטן אויבערשטן - פון א מענטש וואס איז אלעמאל מקושר מיטן אויבערשטן.

### די שווערסטע צייט פון דוד: די באגעגעניש מיט שמעי בן גרא

בשעת ווען דוד איז אנטלאפן פון אבשלום - איז ער געווען זייער בקטנות. מען קען זיך נישט פאָרשטעלן דעם קטנות וואס דוד האט דעמאלט געהאט, זעענדיג ווי רוב כלל ישראל איז אנטקעגן אים און יעדער רודפ'ט אים. נאכמער, דוד האט געוואוסט ביי זיך אז דאס אלעס איז נישט בחנם, נאר דאס קומט אים צוליב די מעשה פון בת שבע - וואס דאס האט זיכער צוגעגעבן צום קטנות; ווי עס שטייט (תהלים ג, ג): "רַבִּים אֹמְרִים לְנַפְשִׁי אֵין יְשׁוּעָתָה לּוֹ בֵאלֹקִים סֶלָה" - אזויפיל גרויסע מענטשן זאגן אויף מיר, אז דער אויבערשטער וועט מיר שוין קיינמאל נישט העלפן, צוליב דעם חטא פון בת שבע; ווי רש"י טייטשט דארט. און דא קומט צוגיין שמעי בן גרא - וועלכער איז געווען פון די גרעסטע מענטשן ביי כלל ישראל, זייענדיג איינע פון די ראשים פון די סנהדרין, און ער שעלט אים מיט טויטע קללות, ער זאגט אים: "דו רשע! דער אויבערשטער באצאלט דיר יעצט פאר דיינע אלע עבירות! דו זעסט דאך אז דיין שונא איז 'ממך ומביתך' - דיין אייגן קינד! און יעצט וועסטו האבן די ריכטיגע מפלה!". און עס שטייט אין זוהר הק' (ח"ב קז:) "שמעי בן גרא האט דעמאלט אנגעמאכט יסורים פאר דוד - וואס ער האט נאך קיינמאל אין זיין לעבן נישט געהאט אזעלכע יסורים!". און דוד איז געווען דעמאלט ארומגענומען מיט אלע זיינע גבורים וועלכע האבן געוואלט הרג'ענען שמעי'ן אויפן פלאץ; ווי עס קומט זיך על פי הלכה פאר א מורד במלכות. און דוד האט געהאט אלע היתרים עס צו טון, און דערמיט זיך אננעמען אביסל פאר זיין כבוד וועלכע איז אזוי מושפל.

### טאמער וועל איך זיין שטרענג - וועל איך פארלירן מיין ווייכע נאנטקייט מיטן רבוש"ע

דוד המלך האט אבער נישט געלאזט אנרירן שמעי'ן, און ניטאמאל אים שטיל מאכן. נאר ער האט געזאגט: "ה' אָמַר לוֹ קַלֵּל" - לאזט אים שעלטן ווייטער, עס איז מן השמים! דער פשט דערין איז ווייל דוד המלך האט געזאגט: "אפילו יעצט ווען איך בין אזוי בקטנות - האב איך אבער נאכאלץ א שטיקל קשר מיטן אויבערשטן! **איך בין נאך אין א מצב וואס איך בין מיטן אויבערשטן! איך קען נאכאלץ רעדן עפעס אווארט צום אויבערשטן, און איך שפיר אז ער הערט מיר אויס!** נו, טאמער וועל איך זיך יעצט אויפרעגן מיט א כעס אויף שמעי און זיך נוקם זיין אין אים - וועל איך דאס אויך פארלירן! ווייל **דאס וועט מיר אריינברענגען אין א מצב פון 'מדת הדין', און דעמאלט וועל איך פארלירן דאס ביסל הארציגע דבקות און קשר וואס איז מיר נאך געבליבן! עס וועט מיר שוין זיין זייער שווער צו שפירן דעם רחמניות'דיגן געפיל פון א קינד אויף די מאמע'ס שויס!** דעריבער בין איך זיך בכלל נישט מתייחס צו שמעי! זאל ער ווייטער רעדן און שעלטן, און איך וועל מיר טון מיינס! איך וויל נישט פארלירן מיין קשר צום אויבערשטן - אפילו אויב עס איז אויף א שוואכן פארנעם, ווייל איך בין מחשיב אפילו דאס ביסל דבקות וואס איך האב יעצט! ביי מיר איז חשוב אפילו א משהו דבקות!".

### אלעס ווענדט זיך ווי חשוב דו האלטסט עס

עס איז פארהאן א כלל אין קדושה: טאמער א מענטש איז מחשיב א געוויסער 'דבר שבקדושה' - וועט מען עס אים געבן במתנה פון הימל, ווידעראום, טאמער איז ער עס נישט מחשיב - וועט מען עס אים צונעמען פון הימל. ווי למשל: מען גיבט אמאל פון הימל פאר איינעם א מתנה, אז ער זאל שפירן א טעם אין קדושת שבת, און אפילו אויב ער איז נישט אין דער מדרגה צו פיהלן דעם גרויסן טעם וואס צדיקים פילן - אבער ער האט א געוויסן קשר מיטן שבת, אז יעדעס מאל עס קומט אָן דער שבת קודש - וועקט זיך אויף אין אים א שמחה און א דערהויבנקייט, און ער שפירט אז עס איז שבת אויף דער וועלט! עס גייט דורך א פאר שבתים, און עס קומט אים אונטער א שאלה: "זאל איך פארן דארטן און דארטן אויף שבת אדער נישט?!". ער ווייסט ביי זיך קלאר, אז דארטן וועט זיין א גאנצער באלאגאן און א טומל - וואס וועט אים אינגאנצן אוועק קלאפן דעם 'טעם שבת'! טאמער דער מענטש איז מחליט, אז מיט דעם אלעמען וויל ער אהינגיין אויף שבת, זאגט מען פון הימל: **"דו ווייסט דאך אז דארטן וועסטו נישט שפירן דיין טעם אין שבת, נו, פארוואס גייסטו אהין?! אלא מאי, דער טעם אין שבת איז ביי דיר נישט אזוי חשוב! עס גייט דיר נישט אזוי שטארק אָן דאס צו פארלירן! אויב אזוי, ביסטו נישט ווערד דאס צו שפירן**, און דו וועסט פארלירן אפילו דאס וואס דו האסט שוין אויך! אפילו דעם קומענדיגן שבת - ווען דו וועסט זיין רואיג אינדערהיים - וועסטו אויך נישט שפירן מער דעם טעם אין שבת קודש!". ווידעראום פארקערט, טאמער דער מענטש איז מוותר אויף אלעם, און ער פארט נישט אהין - בלויז ווייל ער וויל נישט פארלירן זיין טעם שבת, זאגט מען אים פון הימל: "אה, **דו האלטסט טייער דיין טעם שבת? א סימן אז דו ביסט א מבין אויף דעם! אויב אזוי ביסטו ווערד צו באקומען נאך א גרעסערן 'טעם שבת'!** נישט נאר דו וועסט נישט פארלירן וואס דו האסט שוין - נאר מען וועט דיר צוגעבן נאך מער! און צוביסלעך וועט מען דיר כסדר געבן נאך און נאך!". און דאס איז א כלל וועלכע איז נוגע צו יעדן דבר שבקדושה, צו איז דאס א גוטן דאווענען, צי איז דאס א הצלחה אין תורה, צי סיי וועלכע מדרגה אין עבודת ה' - דארף מען האבן גענוג שכל און זיין גענוג ערליכער איד, מחשיב צו זיין די זאך וואס ער האט! ווייל אין דעם ווענדט זיך דער 'המשך', צי ער זאל בלייבן דערמיט אדער עס פארלירן בהמשך הזמן.

### דוד האט מחשיב געווען זיין משהו דבקות - האט מען אים געגעבן א מדרגה פון 'מרכבה'

בשעת ווען דוד המלך האט זיך איינגעהאלטן פון 'כעס', כדי נישט צו פארלירן זיין ביסל דבקות אינעם אויבערשטן - האט דער אויבערשטער געזאגט: "אויב דו ביסט מחשיב דאס ביסל דבקות וואס דו האסט נאך יעצט בשעת קטנות שבקטנות - ביסטו ראוי צו זיין מקושר מיט מיר פונקט ווי די אבות הקדושים - כאטש וואס דו האסט נישט זייערע 'מוחין'! ווייל פונקט ווי די אבות זענען אין א מצב פון 'מרכבה' - וואס דאס מיינט, אז **זיי זענען געווען אין אזא הויכע מדרגה וואס זיי קענען זיך פשוט נישט אוועקרייסן פון דבקות, פון גרויס השגה - אזוי אויך דו, קענסט זיך נישט אוועקרייסן פון דבקות אפילו אין דער קלענסטער מדרגה, פון גרויס פארלוירנקייט צו מיר!** ווי איך זעה יעצט, אז אפילו אויף דאס ביסל קשר וואס דו האסט צו מיר - ביסטו נישט גרייט צו מוותר זיין! אויב אזוי, ביסטו דער 'רגל רביעי שבמרכבה'!".



ג.

## טורף נפשו באפו: אביסל כעס לייגט אוועק דעם גאנצן מענטש

### יעדער מענטש דארף זיך היטן פון כעס - כדי נישט צו פארלירן זיין ישוב הדעת

פונקט ווי דוד המלך האט זיך געהיטן פון כעס, כדי נישט צו פארלירן זיין ענין אין עבודת ה', אזוי איז אויך שייך ביי יעדן מענטש - אפילו אויב ער איז נישט קיין גרויסער בעל מדרגה און בעל דבקות - זיך צו היטן פון כעס, כדי נישט צו פארלירן זיין 'ישוב הדעת' און 'מנוחת הנפש'. ווי **יעדער ווייסט ביי זיך, אז ווען ער איז אין א פיינעם מצב פון מנוחה ושלוה, ער איז רואיג און צופרידן - דאווענט זיך אנדערש און לערנט זיך אנדערש! ער איז דעמאלט אן אנדערער מענטש, און ער קען דעמאלט זיין אסאך א בעסערער איד.** ווידעראום, בשעת כעס נעמט אים איבער - פארלירט ער זיין ישוב הדעת און ער ווערט אינגאנצן צורודערט, ער איז פשוט נישט 'ביי זיך'! עס נעמט אים צו די 'גדלות המוחין', עס ווערט 'הסתלקות המוחין' און ער פאלט אריין אין 'קטנות המוחין'! און ביז ער וועט צוריק קומען צו זיין ישוב הדעת, קען דויערן א פאר שעה אדער אפילו א פאר טעג.

### כעס איז א סימן אז עס אהרט אים נישט צו פארלירן זיין רואיגע עבודת ה'

אויב א מענטש לאזט זיך ארייַנשלעפן אין א כעס, מיינט דאס אין אנדערע ווערטער: "צוליב יענע און יענע זאך, קענסטו באשטיין צו פארלירן דיינע מוחין און דיין גאנצן מנוחת הנפש?! **דו ביסט מסכים אויפצוגעבן פון זיין אין א מצב וואו דו קענסט שטייגן אין רוחניות - צוליב דער קפידא וואס דו האסט?! דאס מיינט, אז גאנץ עבודת ה' איז נישט חשוב ביי דיר!** נו אויב אזוי, ביסטו נישט ווערד אז

<<< המשך בעמוד הבא

# דרכי הצדיקים

סיפורי קודש בדרכם של רבותינו הק' זי"ע

## הרה"ק בעל 'צבי לצדיק' מבלאזוב זי"ע – יו"ד ה' ניסן

לחיים בעיר וומס"ב ה' ניסן תשע"ה

- הרה"ק בעל 'צבי לצדיק' מבלאזוב זי"ע היה נוהג לעיתים לקרוא בתורה בשב"ק, וכשהיה קורא היה זה בקול גדול ובהתלהבות אש קודש, והיה זה 'עסק' גדול אצלו. פעם אחת היה בשב"ק יחד עם הרה"ק רבי ישראל מסטָאלין זי"ע - ה'ינוקא', והרה"ק מבלאזוב קרא בתורה, ואחר קריאת התורה ניגש הרה"ק מבלאזוב לכבד את הרה"ק ה'ינוקא' בתפלת מוסף, הסתובב הרה"ק ה'ינוקא' אליו והניח את ידיו הק' על כתפו, ואמר: 'דאוונט איר מוסף' (התפללו אתם מוסף). אחר התפלה התבטא למקורביו ואמר, כי באמת לא התכוין דוקא שהרה"ק מבלאזוב יתפלל מוסף לפני העמוד, אבל אמר: 'איך האב געוואלט לייגן א האנט אויף אזא הייליגע פלייצע נאך אזא הייליגע ליינען' (רציתי להניח יד על כתף קדושה כזאת אחר קריאת התורה קדושה כזו), ולכן מצא אמתלא להניח יד על כתפיו באמרו לו כי יגש לפני העמוד.

- אחר פטירת אחיו הגדול הרה"ק רבי ישעי' הירץ זי"ע היתה קבוצה מחסידיו שהיו עוד מחסידי אביו הרה"ק רבי דוד'ל מדינוב זי"ע שנסעו לבעלזא אל הרה"ק רבי יהושע'לע זי"ע, ולא לאחי רבן הרה"ק מבלאזוב. באיזה הזדמנות היה הרה"ק מבלאזוב בבעזלא על שבת קודש. ובליל שב"ק ערך הרה"ק מבלאזוב את שולחנו הטהור בבית אכסנייתו, ורק אחר כך הלך אל הטיש של הרה"ק מבעלזא. וכמובן שבהיות הרה"ק מבלאזוב נמצא בבעלזא עצמה, השתתפו גם אותה קבוצה של החסידים בעריכת שולחנו. והנה בחצר דינוב ובלאזוב היה עסק גדול בעת עריכת השולחן כאשר היו משוררים את הזמן 'י"ה רבון', והיו מכנים זאת 'רבון עלם'. באמצע ששורר הרה"ק מבלאזוב את ה'ריבון עלם' נכנס אל ה'טיש' אחד מגדולי החסידים הנ"ל, ומיד הסתובב הרה"ק מבלאזב אל בנו הרה"ק מריבאטיטש זי"ע ואמר לו באזניו בקול הנשמע לשאר הנוכחים ג"כ 'פלוני הגיע', וכיון בזה להסתיר את עצמו כדרכו בקודש. ויהי למחרת כיבד הרה"ק מהר"י מבעלזא את הרה"ק מבלאזוב לקרוא בתורה, ואכן הרה"ק מבלאזוב קרא כדרכו בקודש בהתלהבות ועסק גדול. והנה הרה"ק מבלאזוב היה צעיר בהרבה מהרה"ק מבעלזא שכבר היה בא בשנים באותה עת, והיה הדבר נראה בעיני כמה מן ה'יושבים' שם כהעזה ו'ברייטקייט' (הרחבה) מצד הרה"ק מבלאזוב, לקרוא אצל הרה"ק מבעלזא בהתלהבות כזאת. אכן תיכף אחר התפלה הסתובב הרה"ק מבעלזא ודיבר כמו לעצמו בקול מלא התפעלות: 'א פלא, א יונגערמאן מיט אזוינע מוחין, און אזא כח המעצור...' (כזה פלא, אברך עם כאלו 'מוחין', וכזה כח המעצור...' ובזה נחה דעתם. ואחר אותה קריאת התורה כזה כבר נסעו כל החסידים מחסידי אחיו להסתופף בצל הרה"ק מבלאזוב.

- פעם אחת בהיותו אצל חותנו הרה"ק מראזוואדוב זי"ע התפלל הרה"ק מבלאזוב מוסף לפני העמוד, באמצע חזרת הש"ץ ראה הרה"ק מראזוואדוב איזה אברך שיוצא לחוץ. ניגש אליו הרה"ק מראזוואדוב ואמר לו: 'דו הערס'ט נישט?! פערל פון מויל'! (אינך שומע? שומעים פנינים מפיו!). ויש לפרש בלשון קדשו, כי יש כוונות של שמוה"ק מיוחדים לכוין בעת מוסף של שב"ק והם מכונים 'מרגלאין' (מרגליות), ועל כך אמר הרה"ק מראזוואדוב ששומעים 'פנינים' אלו מתגלגלים בפיו.

- הרה"ק מבלאזוב היה לו בכל יום שיעור קבוע של שעות ארוכות לפני התפלה בשעות של לפנות בוקר, וסיפר כ"ק רבינו זי"ע שהיה חתן בנו הרה"ק מריבאטיטש, אשר הרה"ק מבלאזוב לא היה נוהג לאכול מאכלי בשר בליל שב"ק של ימות הקיץ, כי היה נחוץ לו לשתות את ה'קאווע' עם חלב בעת לימודו לפנות בוקר. והנה חתונתו של כ"ק רבינו עם נכדת הרה"ק מבלאזוב היתה בימי הקיץ בערב שב"ק פרשת בהעלותך, והיה זמן כניסת שב"ק מאוחר מאד, ועד שנגמרה סעודת ליל שב"ק - סעודת הנישואין - כבר היתה השעה מאוחרת מאד. ובכל זאת סיפר כ"ק רבינו, כי הוא זוכר שבשעה שתים לפנות בוקר כבר ישב חו"ז מבלאזוב בפיאות רטובות, והתחיל ללמוד את שיעוריו של לפני התפלה.

- היה נוהג להכין את ה'קאווע' בשעת ברכת התורה, והיה זה נראה מעשה תמוה ו'בעל הבית'יש', אכן כידוע היה מסתיר בכל מעשיו כוונות נסתרות ונעלות. ולעת זקנותו ראו להדיא שהוא 'ענין' גדול אצלו, כי כאשר שכב חלוש על מטתו בהיותו על ערש דוי, והגיע לומר את ברכות התורה, ציוה לגבאי שיביא לפניו 'קאווע' וחלב, והכין את ה'קאווע' עם גודל חולשתו בשעת ברכות התורה, וראו להדיא כי היה לו בזה ענין גדול, ומי יעמוד בסודו.

- בצעירותו היה מתקשה מאד בפרנסה, פעם אחת הלכה הרבנית מבלאזוב אל הקצב לקנות בשר, אבל כבר היו חייבים לו כסף, והוא היה גבר אלים ופחות דרגא, ובהגיע הרבנית לפניו תפס ב'שטערן טיכל' (מטפחת ראש) שהיה על ראשה שהיו משובצים בה כמה אבני חן, בטענתו שהם חייבים לו כסף. כמובן שדבר זה היה בזיון נורא להרבנית, וחזרה לביתה בצער רב. באותו יום נכנסה לפני בעלה הק' והתאוננה לפניו על כך שאינה סובלת עוד את העניות הגדולה שלהם. אמר לה הרה"ק מבלאזוב כי אם תעבור זאת באהבה יחד עמו ולא תתמרמר עוד, הרי הוא מבטיח לה מחצית משכרו בעולם הבא. כמובן שמאותו היום והלאה קיבלה את הכל באהבה, וקיימה את הבטחתה. אחר הרבה שנים בהיות הרבנית על ערש דוי לפני פיטרתה, ביקשה שיבא בעלה הק', ושאלה אותו 'געדענקס'ט נאך'? (האם אתה זוכר עדיין?) דהיינו את אות ההבטחה, ענה הרה"ק: 'יא איך געדענק' (כן אני זוכר), וכמה ימים אחר כך נפטרה הרבנית לבית עולמה. אחר זמן קצר פתאום פנה אל הגבאי והתבטא ואמר: 'מיט די הבטחה איז זי דורך געגאנגען אלא מעברים אָן קיין שום שטערונג, מיט די הבטחה איז זי אנגעקומען זייער ווייט' (היא עברה עם ההבטחה ההיא את כל המעברים ללא שום מונע ומעכב, עם זו ההבטחה הגיעה רחוק מאד).

>>> המשך מעמ' הקודם

מען זאל דיר געבן הצלחות אין עבודת ה'! דו ביסט נישט ווערד אז מען זאל דיר געבן 'מוחין' און העכערע זאכן, וויבאלד דו אליינס ווארפסט עס אוועק ווען עס קומט דיר אונטער א נארישער כעס!". און דערפאר איז כעס אזוי הארב אין 'פנימיות התורה', ווייל פנימיות התורה זוכט כסדר 'מוחין' און 'ישוב הדעת' - וואס דאס זענען כלים פאר דער נשמה, און אויב דער מענטש קען באשטיין צו פארלירן אלעס צוליב זיין כעס - וועט מען אים צונעמען זיין נשמה, וויבאלד עס איז נישט חשוב ביי אים.

### דער עובד ה' איז מוותר, נישט אלס 'בטלן' - ער וויל פשוט נישט דערלייגן זיין ישוב הדעת

מען זעט אסאך מאל ביי ערליכע אידן, וואס זיי זענען זייער נאכגיביג ווען עס קומט צו 'בעלי מחלוקת'. זיי זענען מוותר אויף אלע זייערע רעכטן, און לאזן יענעם געווינען דעם מחלוקת, אבי נישט אנצוהייבן קיין געפעכט מיט זיי; ווי למשל: א מתפלל אין בית המדרש - וועלכער איז אויך א שטיקל 'עזות פנים' - קומט צום רב, און זאגט אים: "מען מוז מיר געבן די עליה...". דער רב ווייסט ביי זיך, אז יענעם קומט זיך בכלל נישט קיין עליה, און עס איז בכלל נישט קיין יושר פון יענעם עס צו פארלאנגען, אבער וויבאלד דער רב איז אן ערליכער איד - וועט ער אים עס נאכגעבן! נישט ווייל ער איז א 'בטלן' און קען זיך נישט קריגן - נאר ווייל ער איז א שטיק 'ישוב הדעת' און ער וויל עס נישט פארלירן דורך כעס און מחלוקת! יענער 'עזות פנים' קען זיך קריגן מיטן רב, ווייל ער האט גארנישט וואס צו פארלירן... פארקערט, ער לעבט גאר פון מחלוקת! דאס לעבן איז אים צו לאנגוויליג, עס גייט דורך איין טאג און נאך א טאג, און עס געשעהט נישט גארנישט עקסטער... דעריבער מאכט ער א שטיקל מחלוקת, און דאס מאכט אים דאס לעבן אביסל פרייליך און לעבעדיג! אבער **דער רב וויל האבן א ישוב הדעת ביים דאווענען, ער וויל זיך יעצט אריינטון אין א שווערע סוגיא, און מחלוקת נעמט אים ארויס פון די כלים. דעריבער וועט אים דער רב צען מאל נאכגעבן שלא ביושר**, וויבאלד ער קען נישט סובל זיין קיין מחלוקת.

### געוויסע צדיקים האבן נישט געקענט פירן קיין מחלוקת אפילו לשם שמים

עס זענען געווען געוויסע צדיקים וואס אפילו ווען האט זיך גערעדט פון א 'מחלוקת לשם שמים' - וואס מען דארף טאקע פירן א מחלוקת מיט יענעם - האבן זיי געהאלטן אז דאס איז נישט זייער עבודה, און זיי האבן דאס איבערגעגעבן פאר אנדערע צו טון; ענליך צו דאס וואס די ספרים זאגן (אגרא דכלה פרשת ויקהל), אז שבת טאר מען נישט ווערן אין כעס אפילו אויף עוברי עבירה, ווייל עס נעמט אוועק פון דער שמחה פון שבת. די **צדיקים זענען געווען 'בחינת שבת' א גאנצע וואך, דעריבער האבן זיי געשפירט אז זיי קענען נישט ווערן אין כעס - אפילו לשם שמים, ווייל עס וועט זיי שטערן אין עבודת ה'! זיי וועלן נישט קענען דאווענען און לערנען! זיי וועלן ווערן 'אויס מענטש'!** ווייל א צדיק היט זיך זייער, נישט צו קומען צו א מצב פון 'חלישות הדעת' וכדומה - וואס וועט אים ארויסנעמען פונעם דבקות! א צדיק זוכט אלעמאל מנוחת הנפש!

### דער עובד ה' זוכט אויסצומיידן מחלוקת פאר יעדן פרייז

כלל הדברים: דער וואס **ער לויפט מיט גרויס חשק צו יעדע מחלוקת - כאילו עס איז נישטא קיין אנדערע מצוה אויף דער וועלט - איז א סימן אז 'ישוב הדעת' איז ביי אים נישט חשוב! און אויב אזוי, איז ער טאקע נישט ווערד צו באקומען ישוב הדעת** און גדלות המוחין, און ווער רעדט נאך פון דבקות און השגות. ווידעראום, אן עובד ה' שטייט ווייט פון מחלוקת און כעס, ווייל דאס איז פשוט א גרויסע מניעה פאר זיין גאנצע עבודה! עס נעמט אים צו דעם ישוב הדעת און מנוחת הנפש! און אפילו אויב עס מאכט זיך אמאל א מחלוקת לשם שמים וואס ער האט ממש נישט קיין ברירה, ער מוז עס טון - טוט ער עס בלית ברירה! אבער ער זוכט אלע מיטלען וויפיל מען קען ממעט זיין דערין און עס מסדר זיין בדרכי נועם. און אין דעם זכות גיבט מען אים צו פון הימל נאך און נאך ישוב הדעת און מנוחת הנפש אויף עבודת ה'.

ישר 718.484.2189



מערכת השיעורים
בארה"ב: 718.536.2347
בארה"ק: 072-3323310

כל הזכויות שמורות
למכון תולדות יהודה סטיטשין
אין להעתיק שום חלק מגליון זה בלי רשות המערכת

לקבל הגליון מדי שבוע במייל,
לסדר מוקד הפצה, ולתרומות:
gilyondoeihu@gmail.com - Tel. 347.662.3229